דער חיה און פון דעם מויל פון דעם פאַלשן נביא
14 אַרויסגיין דריי אומריינע רוחות, ווי פרעש; וואָרום
זיי זענען טייוולאָנישע גייסטער, וועלכע טון אותות
(ומופתים); און גייען צו די מלכים פון דער גאַנצער
באַוואוינטער וועלט, זיי איינצוזאַמלען צו דער
מלחמה פון דעם גרויסן טאָג פון ג־ט, דעם אַלמעכ־
15 טיקן.—זע, איך קום ווי אַ גנבֿ! וואויל איז דעם,
וועלכער וואַכט און היט אָפּ זיינע מלבושים, כדי
ער זאָל נישט אַרומגיין נאַקעט, און מען זאָל נישט
16 זען זיין שאַנד!—און זיי האָבן זיי איינגעזאַמלט
אויף אַן אָרט, וואָס הייסט אויף לשון קודש הר
מגידון.
17 און דער זיבעטער האָט אויסגעגאָסן זיין געפעס
אין דער לופטן; און עס איז אַרויסגעקומען אַ הויך
קול אויס דעם היכל, פון דעם כסא הכבוד, זאָגנדיק:
18 עס איז געשען! און עס זענען געקומען בליצן
און קולות און דונערן; און עס איז געוואָרן אַ
געוואַלטיקע ערדציטערניש, וואָס אַזעלכעס איז
נישט געשען זינט עס איז געווען אַ מענטש אויף
דער ערד, אַזאַ ערדציטערניש, אַזוי געוואַלטיק.
19 און די גרויסע שטאָט איז (צעריסן) געוואָרן אויף
דריי חלקים, און די שטעט פון די גוים זענען איינ־
געפאַלן; און בבל די גרויסע איז געדענקט געוואָרן
פאַר ג־ט, אַז ער זאָל איר געבן דעם בעכער פון
20 צאָרנווייַן פון זיין גרימצאָרן. און יעדע אינזל איז
פאַרשווונדן, און די בערג האָבן זיך מער נישט
21 געפונען. און אַ גרויסער האָגל, ווי אַ צענטנער
שווער, איז געפאַלן פון הימל אויף די מענטשן;
און די מענטשן האָבן געלעסטערט ג־ט צוליב דער
מכה פון האָגל; ווייל די דאָזיקע מכה איז געווען
שרעקלעך גרויס.